


פרשת ויגש
יאר 2, גליון 34

### עלטסטע קלאס וויליאמסבורג– רחל׳ע שניטצלער



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל האבן גענוג געלט צו קויפן א נייע תהלים, איך האב איך געבעטן אז די געשעפט זאל עס האבן. שכח אייבערשער אז איך האב געקענט קויפן פונקטליך וואס איך האב געבעטן!

### עלטסטע קלאס שטעטל– חי׳לע פארקאש



איין טאג בין איך נישט געווען זיכער אויב איך גיי האבן א וועג צו סקול. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל האבן א וועג און אפילו אויב נישט א זאל איך נאכאלץ בלייבן זייער פרייליך , צום סוף האב איך נישט געהאט א וועג אבער שכח אייבערשטער איך בין געבליבן פרייליך!

### פיפטע קלאס שטעטל– בלומי זעליקאוויטש

שוין א לאנגע צייט בעט איך די אייבערשטער אז מיין ברודער זאל ווערן א חתן און שכח אייבערשטער לעצע וואך איז מיין ברודער געווארן א חתן!



### דריטע קלאס וויליאמסבורג– דבורי לעווי

אפאר וואכן צוריק האב איך מיך זייער שטארק אפגעבריט. זייט דעמאלטס בעט איך די אייבערשטער אז ס׳זאל זיך שוין אויסהיילן און שכח אייבערשטער ס׳איז שוין כמעט אינגאנצן אויסגעהיילט!



### דריטע קלאס שטעטל– פערעלע לעזער



שוין א לאנגע צייט וואס איך בעט די אייבערשטער אז איך זאל באקומען א תהלים פון די ראש ישיבה און שכח אייבערשטער אז די וואך זונטאג האב איך באקומען!

### ערשטע קלאס שטעטל– שפרה זוסמאן

איך האב מיך נישט גוט געפילט. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל שוין גוט פילן און שכח אייבערשטער איך פיל שוין זייער גוט!



## ערשטע קלאס וויליאמסבורג– רחל לאה ראטה

שוין אפאר יאר וואס איך בעט די
אייבערשטער אז איך זאל באקומען א זייגער
און שכח אייבערשטער די וואך האב איך
באקומען זייער א שיינע זייגער!



## פרי–1 –א שטעטל– טשארני שניטצלער

איך האב געבעטן די אייבערשטער יעדן טאג
אז איך זאל באקומען א נייע פענסיל קעיס, און
האב איך גארנישט געמוטשעט מיין מאמע
פאר עס. שכח אייבערשטער אז די וואך האב
איך באקומען א נייע פענסיל קעיס!



# פון דער ראש ישיבה שליט"א...

לכבוד תלמידות בית פיגא קרית ברסלב ליבערטי...

אזוי ווי עס זענען אריינגעקומען פרישע תלמידות וויל איך נאכאמאל קלאר שטעלן וואס מיר ווילן מיט אונזער סקול "בית פיגא", איך בעט זייער אלע תלמידות זאלן זיך גוט צו הערן צו די ווערטער.

ביים הייליגן רבי'ן איז געווען דרך ארץ זייער א וויכטיגע זאך, דער רבי האט געזאגט: "ווען קעניגן וואלטן געוואוסט וואסערע דרך ארץ איך לערן אויס פאר מיינע תלמידים, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער צו מיר איך זאל זיי אויסלערנען דרך ארץ"; און אזוי איז געווען ביי מוהרא"ש זי"ע עס איז געווען א שטארקע דרך ארץ, און אויף דעם וועג פירן מיר די סקול בית פיגא, מיר קוקן אויף דרך ארץ, א מיידל וואס פירט זיך מיט דרך ארץ, זי הערט אויס די לערערינס, איז ביי אונז א תלמידה, און א מיידל וואס פירט זיך נישט מיט דרך ארץ איז קיין תלמידה, מעג זי קענען גוט די לערנען, מעג זי זיין געלונגען, ביי אונז איז דאס נישט ווערט, אן דרך ארץ איז גאר נישטא.

דעריבער בעט איך אייך אלע, צו זיין גרייט אין צייט ווען מען דארף זיין אין קלאס, ווען די טיטשער קומט אריין אין קלאס דארף יעדער זיצן אין פלאץ גרייט מיט אלעס, נישט דעמאלט אנהייבן זיך צאמנעמען וכו', אלעס דארף שוין זיין גרייט פון פאראויס, ווען די טיטשער קומט אריין אין קלאס דארפן זיך אלע אויפשטעלן מיט דרך ארץ, מען בלייבט שטיין ביז די טיטשער ווינקט אז מען קען זיך שוין אראפזעצן, מען פארמאכט די מויל און מען עפענט די אויערן צו הערן יעדעווארט וואס די טיטשערס לערנען.

אין קלאס קען מען נישט רעדן מיט א צווייטן, מען קען זיך נישט ווינקן און נישט לאכן, בשעת מען לערנט דארף מען זיצן מיט א שטארקע דרך ארץ נאר אזוי קען מען מקבל זיין די לימודים.

יעצט ווען איך הער אז ביי די עלסטע קלאס אין שטעטל איז דא מיידלעך וואס פירן זיך נישט מיט דרך ארץ בין איך זייער פארשעמט, ווייל איך שטאלציר מיט די שטעטל סקול, און יעצט זאגט מיר די מנהלת תחי' אז עס איז דא מיידלעך וואס לאכן זיך אויס פון די טיטשערס, און מען זיצט נישט אין צייט גרייט וכו', דעריבער וועל איך נישט קומען צו ענק מער געבן שיעורים, איך גיי נאר וואו עס איז דא יראת שמים אז עס איז דא דרך ארץ איז דאס א סימן פון יראת שמים, אזוי ווי חז"ל זאגן (אבות ד) "מורא רבך כמורא שמים", מען דארף מורא האבן פון א רבי אזוי ווי פונעם אייבערשטן, און אויב איר וועט זיך נישט פארבעסערן חס ושלום וועל איך פארמאכן די קלאס, מען וועט זיך דארפן נאכאמאל איינשרייבן, און מיר וועלן נאר נעמען די מיידלעך וואס זענען דרך ארץ'דיג.

# א מעשה פון א צדיק...

געשריבן דורך: פייגי טייטלבוים

אמאל, אסאך יארן צוריק, האט א באזארגטע תלמיד אריינגעקומען צו זיין הייליגע רבי, דער מעזריטשע מגיד זצ"ל. "רבי, וואס קען איך טון? אלס קומט מיר ארויף קשיות , און ס'איז מיר אזוי שווער צו גלייבן אין די אייבערשטער! רבי העלף מיר!"

די הייליגע רבי האט זיך אביסל פארטראכט, "איך וועל דיר נעמען צו א פלאץ וואו דארטן וועלן אלע דיינע קשיות ווערן אויסגעקלערט. בתנאי, אז דו וועסט מיר צוזאגן, אז קיינער וועט דיר נישט באמערקן, און דו וועסט זיין אינגאנצן שטיל." האט דער רבי אים פארגעשלאגן.

"מסכים." האט דער תלמיד געענטפערט מיט צופרידנהייט.

נאכן באקומען גוטע אנווייזונגען, האט ער זיך ארויסגעלאזט אין וועג.

דער תלמיד האט אויסגעקליבן א ברייטע צווייג, און זיך אראפגעזעצט באטראכטן דעם ארום.

מיט א מאל, הערט ער א גערודער. אויסדרייענדיג זעט ער א רייכע קארעטע, און א שיינע איד טרעט ארויס, האלטנדיג א שווארצע טאשקע מיט געלט.

דער איד קוקט זיך ארום, טרעפט א הויכע שטיין, און זעצט זיך אנידער,כאפט א קורצע דרימל.

נאך א קארצע וויילע, כאפט ער זיך אויף, שפרינגט אריין אין קארעטע, איבערלאזנדיג די טייערע טאשקע מיט געלט.

דער תלמיד האט אויפן זעלבן סקונדע גע'עפענט זיין מויל, און זיך גלייך דערמאנט וואס ער האט צוגעזאגט פארן צדיק.

מיט אייזנע כוחות האט ער זיך געדארפט איינהאלטן פון אויסשרייען, "וואו איז די יושר דא?! פון דעם וועלן מיינע קשיות אויסגעקלארט ווערן?

דער מציאות האט אים נישט געלאזט צופיל טראכטן. ער האט באמערקט א מענטש קומען נענטער, און זיך אפשטעלן ביים זעלבן שטיין.

נאך א ווילע, האט דער צווייטער מענטש באמערקט דעם טייערן טאשקע. מיט א גרויסע שמייכל עפנט ער דאס אויף, און זיין פנים האט אויפגעלאכטן. מיט שפרינגעדיגע טריט, נעמט ער דאס טאשקע, און שפאצירט אוועק פון ארט מיט א פרייליכע געמוט.

ווידערמאל האבן זיך די קשיות ערוועקט ביים תלמיד. "פארוואס באקומט א מענטש א זעקל געלט אן ארבעטן פאר דעם?! און פארוואס האט דער ערשטער עס פארלוירן? וואו איז דער יושר?!

מיט אנגסט האט ער געווארט צו זען וואס וועט זיין די קומעדיגע פאסירונג.

ער כאפט אויף ווי א צושליסענע מענטש, מיט פארלאטעטע קליידער און פאגלייזטע אויגן, קומט זיך צו הונקען צום פלאץ . ער טרעפט די זעלבע שטיין. ער זעצט זיך אנידער מיט א קרעכטץ. זיינע ברייט-צועפנטע אויגן האבן ארום געלאקערט פאר שפייז.

פון גרויס שלאפלאזיקייט, האט ער איינגעדרימלט אויפן שטיין. קוים וואס דער נעבעדיגע ארעמאן האט געפונען מינוטן פון ראיגקייט, איז דער ערשטער שיינער איד צוריקגעקומען.

דער איד'ס אויגן האבן ארומגעלאפן אין די לעבער. ענדליך האבן זיינע זיכענדיגע אויגן זיך אפגעשטעלט אויף א פונקט. מיט כעס און אויפרעגעניש האט ער זיך אויסגעריסן פון פלאץ, און צוגעלאפן צום ארעמאן. נאך איין שטויס האט זיך דער ארעמאן אויפגעכאפט פון זיין צושטערטע דרימל.

**"פארשעמטע גנב!!!"**

פארזעצוגנג קומט אי"ה קומעדיגע וואך...



# נייעס אין בית פיגא...

**ברוכים הבאים צו צווי נייע חשוב'ע תלמידות- חי' לאה און חנה שרי זינגער! מיר זענען אזוי פרייליך אז ענק זענען געקומען!**

**די עלטסטע קלאס האט געהאט די זכי' צו הערן ווארעמע תיזוק דיבורים דורך מרת ס. שניטצלער, זי האט גערעדט צו די מיידלעך ווי גליקליך מיר זענען צו האבן א צדיק און אז מ'קען זיין אין בית פיגא סקול!**

**אין פיפטע קלאס האבן שוין עטליכע פלייסיגע מיידלעך געענדיגט זייער הערליכע נייען פראיעקט!**

# מיר לערנען זיך פון

# ״עצתו אמונה״

## וויאזוי מען פירט זיך אויף די וועלט...



א ווייסע געשטאלט שטייט אינדרויסן ביים ציון

מיר האבן יעצט געליינט א מעשה פון ר׳ סנדר׳ל פון טיראוויצע. ער איז געווען זייער ערליך ווען ער איז געווען זייער אלט האט ער געוואוינט אין אומן. יעדע פארטאגס פלעגט ער גיין צו די הייליגע רבי׳ס ציון און זיך מתודה זיין און לערנען . אמאל איז ר׳ סנדר׳ל געגאנגען פארטאגס צו די רבי׳ס ציון. ער קומט אן און זעט אז ס׳איז פארשפארט. איז ער געשטאנען אינדרויסן שפעטער זענען מענטשן אנגעקומען און זיי זעען ר׳ סנדר׳ל. זיי פרעגן אים ״וואס טוסטו דא?״ זאגט ער זיי וואס ער גייט ער טון אויף די וועלט וועט ער אויך טון אויף יענע וועלט און ער וויל אז אויף יענע וועלט זאל מען אים לאזן אריינגיין צו די הייליגע רבי! איך לערן זיך פון די מעשה אז וואס איך טו אויף די וועלט וועל איך אויך טון אויף יענע וועלט וועגן דעם דארף איך זען צו טון אסאך גוטע זאכן און בלייבן ביי א צדיק.

געשריבן דורך: חוי ברוין

# מזל טוב:

טיטשער אסתר וועבערמאן צו איר שידוך!!!

רחל און אדי וועבערמאן- שוועסטער איז געווארן א כלה!

אדי שטיינבערג- מומע איז געווארן א כלה!

ריסי ברוין צו איר שידוך!!!

חוי ברוין- שוועסטער איז געווארן א כלה!

בלומי און חמי זעליקאוויטש- ברודער איז געווארן א חתן!

גאנץ בית פיגא וואונטשט א הארציגע
מזל טוב צו אונזער טייערע מנהלת מרת
לעזער צו די אפשערן פון איר צווילינג!

# פון אונזערע לערערינס...

לכבוד מיין טייערע חשובע תלמידה תחי',

איך האב זייער הנאה פון דיין דרך ארץ און ערוואקסנקייט. די פירסט זיך אויף זייער ערוואקסן! דו האלסט אזוי שיין מיט אין קלאס, און דו דאווענסט אזוי שיין! א מחי' צו הערן...

אויך ביי ריסעס און לאנטש פריי איך זיך צו זען אז ד פירסט זיך ערוואקסן, די שפילסט מיט יעדן און רעדסט מיט יעדן. אויך האב איך מיך געפריידט צו רעדן מיט דיין מאמע. זי זאגט מיר אז די העלפסט זייער אסאך. דעס איז די שענסטע זאך וואס א מיידל קען טוען, ווייל דעס וועט איר באגלייטן שפעטער אין לעבן. די מער א מיידל העלפט אינדערהיים, זי לייגט צאם וועש, זי רייניגט די שטוב, געבסט אכטונג אויף אירע געשוויסטער, די בעסער און שענער איר אייגענער שטוב וועט זיין נאך די חתונה. ווען א מיידל וואלט געוואוסט אז וויאזוי זי פירט זיך צו איר מאמע, וועלן אירע קינדער זיך פירן צו איר, וואלט יעדער זיכער געטון אלעס וואס זי קען צו העלפן און מכבד זיין איר טאטע און מאמע. זי וואלט נישט געסטראשעט איר מאמע, "אויב די געבסט מיך נישט וואס איך בעט, וועט זיך דיך נישט לוינען..." חס ושלום אזוי צו רעדן צו עלטערן! א מיידל וואס געבט אכטונג אויף כיבוד אב ואם, וועט האבן א שיינע לעבן!

האלט ווייטער אן דיין דרך ארץ און שיינע דאווענען!

מיט ליבשאפט,
שרה לעזער

# CHEESE LATKES

**Recipe:**

**16 oz container cottage cheese**

**6 eggs**

**½ cup sugar**

**½ tsp vanilla sugar**

**Directions:**

**Combine all ingredients. Mix well by hand. Fry in oil. Dust with confectioners sugar.**

**גערענק צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל אויסקומען זייער גוט!**



# העלף פייגי אנקומען צו איר תהלים.



